בלומינג גראוו

# באריכט

נייעס
אפדעיטס
אינפארמאציע

BLOOMING GROVE REPORT

VOL. 3 Sep '23 | ערב סוכות תשפ"ד





## ווילעדזש גרייט זיך צום צווייטן פאזע פון מאונטען רד. קאר. 208 טראפיק פארבעסערונג



## ווילעדזש ענדיגט מערייוואלד לעין נארט פעיוומענט, בעפאר יו"ט



## ווילעדזש קוקט איבער רעזולטאטן פון טראפיק סעיפטי שטודיעס

## ווילעדזש און סאוט בלומינג גראוו פייער דעפארטמענט פולקאם אנערקענט דורך ניו יארק סטעיט

## צייטליכע אנווייזונגען און וויכטיגע "סעיפטי" מעסעזשעס

אין די יעצטיגע ערב יו"ט

איבערגעגעבן פאר דער "בלומינג גראוו באריכט" דורך

הרה"ח מו"ה **יצחק בערנאטה** הי"ו



## די ניי פראכטפולע געבויעטע 'סטאונגעיט סענטער' גרייט זיך שוין בס"ד צו עפענען אירע טויערן אין חודש כסליו הבעל"ט

ORANGE COUNTY • NEW YORK

VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE

EST. 2006

Department of Transportation



# OCTOBER 2023

| SUN | MON | TUE | WED | THU | FRI | SAT |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1<br>**DAY OFF**<br>JEWISH HOLIDAY | 2<br>**HOLIDAY SCHEDULE 10AM TO 8PM** | 3<br>**HOLIDAY SCHEDULE 10AM TO 8PM** | 4<br>**HOLIDAY SCHEDULE 10AM TO 8PM** | 5<br>**HOLIDAY SCHEDULE 10AM TO 8PM** | 6<br>**HOLIDAY FRIDAY SCHEDULE 10AM TO 6PM** | 7 |
| 8<br>**DAY OFF**<br>JEWISH HOLIDAY | 9<br>BACK TO REGULAR SCHEDULE<br>Columbus Day | 10 | 11 | 12 | 13 | 14 |
| 15 | 16 | 17 | 18 | 19 | 20 | 21 |

# SEPTEMBER 2023

| SUN | MON | TUE | WED | THU | FRI | SAT |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | 1 | 2 |
| 3 | 4<br>Labor Day | 5 | 6 | 7 | 8 | 9 |
| 10 | 11 | 12 | 13 | 14 | 15 | 16 |
| 17<br>**DAY OFF**<br>JEWISH HOLIDAY | 18<br>**REGULAR DAY** | 19<br>**REGULAR DAY** | 20<br>**REGULAR DAY** | 21<br>**REGULAR DAY** | 22<br>**REGULAR DAY FRIDAY SCH** | 23 |
| 24<br>**FRIDAY SCHedule** | 25<br>**DAY OFF**<br>JEWISH HOLIDAY | 26<br>**REGULAR DAY** | 27<br>**REGULAR DAY** | 28<br>**REGULAR DAY** | 29<br>**REGULAR DAY FRIDAY SCH** | 30 |

# סיני הלברשטאם

אבדק"ק

**צאנז זמיגראד**

בס"ד

על ההרי"ם אשא שלומים מרובים, כטל וכרביבים, אנשי שלומינו היקרים, תושבי בלומינג גראוו המסויימים, הצמודים בקירות לבבי ותהלתם נודע בשערים, קהל עדת חסידים יראים ושלמים, בתורה ובמעשים טובים מופלגים, ה' עליהם יחיו ויפרחו כשושנים, ובכל אשר יפנו יצליחו וקרנם ירים.

לעת תקופת השנה, הנה נא הואלתי לשאת את ברכתי ותפלתי למען אחי ורעי, כנוים קרואים שושנה, אנ"ש תושבי המקום בנעימים, כולם אהובים וברורים, הולכים באמת ובתמים, בדרכי אבותינו ורבותינו הק' שדבריהם נאמנו מאד ולעד קיימים, כולכם תזכו לחזות בבנין שלם על ההרים הרמים, לראות וליראות ולעלות לרגל בשנה שלש פעמים.

עם כניסת השנה החדשה הבעל"ט הננו בזה לברך אתכם בברכת גמר חתימה טובה, ושיתקבלו תפלותיכם לרחמים ולרצון לפני אדון כל וימלא משאלותיכם במדה טובה ישועה ורחמים, חסד ה' יהא חופף עליכם כל הימים, ולנחת דקדושה מכל צאצאיכם זרע ברך ד' דורות ישרים ומבורכים. כן יהי רצון שתשרה שכינה במעשי ידינו ונזכה הלאה להרחיב גבולי הקדושה, היכלי התורה והעבודה ובתי בני ישראל לשם ולתפארת, מתוך הרחבת הדעת ורוב שמחה ושלוה, על פי דרכו הסלולה לנו ממרן רבינו הק' זי"ע מייסד העיר, מתוך אהבה אחוה ושלום ורעות, איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק, ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ.

ובעמדינו בתפלה לפני בעל הרחמים בימים הקדושים אלו, נתנה ראש ונשובה אל ה', וביותר להזהר בדבר שיש בו חסרון כיס, לשמור על קדושת המקום ע"י השכרת בתים לאחבנ"י הכשרים, כאשר כבר עוררו ע"ז רבני העיר הגאוה"צ שליט"א, ותלי"ת שנתקבלו הדברים וקיימו וקבלו עליהם להיות נזהר בדבר זה שיסוד קדושת המחנה תלוי בזה. כה יתן ה' להלאה, שישכון ישראל בטח בדד עין יעקב ואין אדם שומע לי ומפסיד.

והשי"ת ירא כבר בעני עמו ויסיר מעלינו כל נגע מגיפה ומחלה, יעזור ויושיע ויגן לכל הצריכים ישועה, וימהר ויחיש גאולת חבצלת השרון, שומרי מצותיו ואסירי התקוה עוד ישובון לבצרון, ויביאנו בשירה ערוכה, להר ציון ותשיב המלוכה, כי שם צוה ה' את הברכה, ונזכה עוד בזו השנה, לשמוע קול מבשר ולעלות ציון ברנה, בישועת כל ישראל ושמחתן אמן.

באעה"ח עשרת ימי תשובה שנת תשפ"ד לפ"ק פה בלומינג גראוו יצ"ו.

המצפה לישועת ה' במהרה

הק' סיני הלברשטאם

אבד"ק צאנז צמיגראד יצ"ו

בס״ד

# VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE

811 Route 208, Monroe, NY 10950 · Phone: 845-782-2600 · Fax: 845-782-2601
P.O. Box 295, Blooming Grove, New York 10914 · www.vosbg.com

ORANGE COUNTY • NEW YORK
VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE
EST. 2006

# *Shana Tova!*

# שנה טובה ומתוקה

כתיבה וחתימה טובה ושנת גאולה וישועה

Mayor
*George Kalaj*

Deputy Mayor
*Abraham Weiss*

Trustees
*Yitzchok Feldman*
*Zalmon Rosner*
*Asher Guttman*

Village Executive Team
*Joel Stern*
*Isaac Ekstein*



בס"ד

VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE

811 Route 208, Monroe NY 10950 · Phone: 845-782-2600 · Fax: 845-782-2601
P.O. Box 295, Blooming Grove, New York 10914 · www.vosbg.com

PUBLIC SAFETY

**Mayor**
George Kalaj

**Deputy Mayor**
Abraham Weiss

**Trustees**
Yitzchok Feldman
Asher Guttman
Zalmen Rosner

**Village Counsel**
Scott Ugell

**Special Counsel**
Ira Immanuel

מיט דעם טוען מיר מעלדן אז אי"ה וועט ווערן צוגעשטעלט די

# פאַטראָל קאַרס

## אויף חג הסוכות

## הבעל"ט

וואס וועלן בעז"ה ארומפארן אויף די גאסן פון שטאט ווי פאלגענד:

**פרייטאג נאכט - ליל א' יו"ט**
פון **6:00** ביז **2:00** ביינאכט

**שבת קודש - ליל ב' יו"ט**
פון **2:00** מיטאג ביז **2:00** ביינאכט

**יום ב' דיו"ט**
פון **2:00** מיטאג ביז **8:00** אווענט

**פרייטאג נאכט - ליל שמע"צ**
פון **6:00** ביז **12:00** ביינאכט

**שבת קודש - ליל ב' יו"ט**
פון **2:00** מיטאג ביז **12:00** ביינאכט

**יום ב' דיו"ט**
פון **2:00** מיטאג ביז **8:00** אווענט

# ווילעדזש נעמט אנטייל אינעם גראנדיעזן "זה מזה" ביזנעס עקספאו

**לכו והתפרנסו זו מזו!** דער ווילעדזש האט די פארגאנגענע פרשת מטות מסעי, אנטייל גענומען ביים יערליכן "זה מזה" ביזנעס עקספאו, צו געבן א געלעגנהייט פאר היימישע ביזנעסלייט, וועלכע טוען נאכקומען די נויטיגע רעגירונגס "בידס" פארשריפטן, צו קענען זיין אינפארמירט און אנהאלטן קאמיוניקאציע מיט דער ווילעדזש, צו באקומען ערשטהאנטיגע אינפארמאציע, צו אלע אנגייענדע פראיעקטן. ברוך השם, די עקספאו איז געווען א גאר שטארקע סוקסעס פאר'ן ווילעדזש.




צו באקומען ערשטהאנטיגע נאטיפיקאציעס און צוטריט צו אלע פרישע, אנגייענדע און צוקונפטיגע פראיעקטן און בידס, שיקט אן אי-מעיל צו info@vosbg.com.

**אינעם בילד: טאון קאונסילמאן מו"ה אלימלך שמשון שווארץ נ"י ביים ווילעדזש עקספאו.**

# ווילעדזש אפדעיטס: הויכפונקטן פונעם מאנאטליכער ווילעדזש באורד זיצונג

מאנטאג פרשת מטות מסעי, האט דער ווילעדזש באורד זיך צוזאמגעקומען צום מאנאטליכער זיצונג, איבערצוגיין און צו דיסקוסירן איניציאטיוון און רעזאלוציעס לטובת הציבור.

ביים זיצונג, איז דיסקוסירט געווארן די קאנסטרוקציע ביי די "סטאונגעיט" פארק, וועלכע איז געווארן ארויסגעשטעלט פאר בידינג ביז יולי 5, אבער האט נישט געשאפן קיין פאסיגער פירמע צו בויען דעם פראיעקט. דער ווילעדזש האט געשטימט צו ארויסלייגן דעם "ביד" פאר נאך א רונדע, וואס וועט האפנטליך אריינברענגען פאסיגע קאנדידאטן, וועלכע טוען נאכקומען די נויטיגע פארשריפטן פאר דעם פראיעקט.

דערנאך, איז פארגעקומען די "פובליק הירינג", צו הערן פארשלאגן און געדאנקן פון די איינוואוינער, וויאזוי צו פארבעסערן די זיכערהייט פון די טראפיק און בייגייער אויף די ווילעדזש גאסן, ספעציעל איצטערט אין די זומער מאנאטן. עס איז געווארן ארויפגעברענגט צום באורד א ברייטע ליסטע פון פארשלאגן און לעזונגען, וועלכע איז געווארן אויסגעשמועסט מיט א קלארקייט.

ווי באריכטעט, האט דער בלומינג גראוו פאליציי אינסטאלירט ספידינג-אנאליז דעווייסעס אין די פארגאנגענע וואכן, ביי די מערסט מסוכנ'דיגע אינטערסעקשאנס און ראודס, צו באקומען א קלארע בילד איבער די זיכערהייט פון די לאקאלע גאסן און צו באקומען מער דאטא איבער אויטאס, צו זיי טוען רייזן העכער דעם ספיד לימיט.

פאלגענד, האט דער פאליציי לוטענאנט זיך באטייליגט ביים זיצונג, און האט איבערגעגעבן א קלארע באריכט, איבער אלע אינפארמאציע וועלכע איז אריינגעקומען פון די דעווייסעס. ברוך השם! ווי די שטודיע צייגט, איז בלויז פארהאנען א גאר קליינע "צוויי פראצענט" פון דרייווערס



**טרעפיק שטודיעס**

וועלכע טוען ספידן העכער די לעגאלע לימיטס און ברויכט ווערן אינפארסירט און באשטראפט.

עס איז אויך געווארן דערמאנט, אז הגם עס קוקט אסאך מאל אויס פון א מענטשליכער-אויג ווי אויטאס און שולע-באסעס רייזן העכער דעם ספיד לימיד, איז דאס נאר צוליב וואס ראודס זענען מער געדרייט און בערגיג. די שטודיע האט ארויסגעברענגט א מורא'דיגער קידוש השם און לשבח צו די תושבי בלומינג גראוו, אז די איינוואוינער טוען זיך האלטן צו די געזעצן און טוען דרייוון פרידליך, זיך האלטנדיג צו די ספיד לימיטס.

בייגעלייגט, קענט איר זען די דאטא פון די אנאליז דעווייסעס, וועלכע איז געווארן געזאמלט דורך דער ווילעדזש און צוזאמארבעט מיט דער פאליצײ דעפארטמענט. אין די איצטיגע טעג, טוט די ווילעדזש פארטיגן דעם ענדגילטיגער מהלך, איבער



רוט 208 טראפיק שטודיע



דאללעס דרייוו טראפיק שטודיע

די וויטערע שריט, צו פארזיכערן די סעיפטי פאר אלע איינוואוינער.

צום לעצט, איז געווארן אויסגעשמועסט דעם באקאנטן פראבלעם וועלכע טוט פלאגן דעם עולם, איבער די אלטמאדישער פייער-אלארם, וועלכע טוט זיך אנצינדן יעדע מאל די וואלענטורן באקומען א רוף. צומאל איז דאס ניטאמאל א פייער, נאר בלויזע הילף ברויכענישן און די אלארם טוט זיך צופייפן, אדער צומאל איז דאס דורכאויס די נאכט שטונדן און טוט אויפוועקן די לאקאלע איינוואוינער פונעם ווילעדזש. די באורד האט אויסגעשמועסט א מהלך און וועט פארלאנגן פון די אראנדזש-קאונטי עמורדזשענסי מענעדזשמענט נישט צו אקטיוויזירן דעם פייפער אין דער צוקונפט, ספעציעל אין די נאכט שטונדן.

# עמורדזשענסי קאנסטרוקציע צו רענאווירן די סעטערלי-קריק בריק נאך שווערע שטורעמס



נאך שווערע שטורעמס און רעגנס פון די לעצטיגע צייט, האט דער ווילעדזש און אראנדזש קאונטי מענעדזשמענט געמאלדן, אז אירע אינזשענירן וועלן דורכפירן עמורדזשענסי רענאוואציעס ביי די בריק, אויף ראונד-הילל ראוד.

דער בריק, וועלכע איז געבויעט העכער די סעטערלי-קריק טייך, טוט אונטערהאלטן מיליאנען גאלאנען פון וואסער וועלכע פליסן דורך טעגליך און נאך די לעצטערע שווערע רעגנס, אריינגערעכנט די האריקעין איידא, וועלכע האט באטראפן די קאונטי מיט ארום צוויי יאר צוריק, איז קאמפראמיזירט געווארן די שטארקייט פונעם בריק.

די ווילעדזש און אראנדזש קאונטי אינזשענירן, האט זיך לעצטנס אריינגעלייגט אינעם ארבעט, צו פארזיכערן די סעיפטי פונעם בריק, צו קענען דערהייבן די שווערע וואסער פלוס. די קאנסטרוקציע פון אינגאנצן איבערמאכן און רענאווירן דעם בריק, איז געפלאנט זיך צו ציען פאר ארום דריי מאנאטן. טראפיק איז ערווארטעט אין די ארומיגע געגענטער, צוליב די פארשפארונג פון ראונד-הילל ראוד.

פאלגט נאך די טאוולען פון די טראפיק דיטאורס.

# ווילעדזש פייער דעפארטמענט ראטעוועט הויז פון פייער פארניכטונג




דעם פארגאנגענעם דינסטאג פרשת דברים, איז אריינגעקומען א רוף אויף די אלגעמיינע פייער-דיספעטש סיסטעם, איבער א הויז וועלכע איז אין פלאמען. די נארוואס געגרינדעטע פייער דעפארטמענט, וועלכע טוט שוין פונקציאנירן אויף אן אומאפיציעלע פארנעם, איז ערשינען צום סצענע אין בליציגע סעקונדען, ראטעוועדיג די הויז פון פולקאם ארויפגיין אין פלאמען רח"ל.

עטליכע מינוטן שפעטער, נאך וואס די פייער איז שוין געווען פארלאשן, איז ערשט דאן ערשינען די ארומיגע פייער דעפארטמענטס. עס האט נאכאמאל ארויסגעברענגט די וויכטיגקייט פון האבן אן אייגענע פייער דעפארטמענט, געפירט דורך אחינו בני ישראל.

אין די איצטיגע טעג, ווערט פארהאנדלט אלע לעגאלע פראצעדורן, צו צופארטיגן און אינקארפערירן די אלע לעגאליטעטן און טעכנישע איינגעלעגנהייטן פונעם נייע פייער דעפארטמענט.

# פרישע זיכערהייט מאסנאמען אין ווילעדזש טראנספארטאציע

אין א טריט צו פארבעסערן די סעיפטי אויף די ווילעדזש שאטעל-באס, האט דער ווילעדזש אין די לעצטיגע וואכן אונטערגענומען פרישע זיכערהייט מאסנאמען, צו פארזיכערן די סעיפטי סיי פאר די רייזענדע און סיי פאר די באסעס.

און צוגאב, אין וועלכע דער ווילעדזש פירט דורך גאר פראפעסיאנאלע "בעקגראונד טשעקס" אויף אלע דרייווערס, זיכער צו מאכן אז זיי זענען אנשטענדיגע און פרידליכע פערזאנען, האט דער ווילעדזש איצטערט אינסטאלירט א גאר פארגעשריטענע זיכערהייט-קאמערע סיסטעם אויף אלע ווילעדזש שאטעל-באסעס, וועלכע וועט ווערן לייוו אבזערווירט דורכאויס דעם טאג פון די טראנספארטאציע אפיס. די קאמערעס טוען באוואכן די אינעווייניגסטע און דרויסנדיגע טיילן פונעם באס, פון אלע זייטן, צו יעדע צייט.



ווי אויך האט מען אינסטאלירט א העכסט סאפיסטיקירטע טרעקינג סיסטעם אויף אלע באסעס, ווי איינוואוינער פונעם ווילעדזש קענען צו יעדע צייט אריינרופן אינעם ווילעדזש טראנספארטאציע נומער, צו באקומען די פונקטליכע לאקאציע פונעם באס.
1-845-782-2600 עקסטענשאן #5

# פראדוקטיווע זיצונג צווישן תושבי לעיק שאור מיט ווילעדזש באאמטע איבערצוגיין סוב-דיוויזיע אפליקאציע זארגן

דעם פארגאנגענעם מאנטאג פרשת דברים, האבן זיך צוזאמגעזעצט א שיינער ציבור פון תושבי לעיק שאור , נאך וואס די איינוואוינער האבן פאררופן א זיצונג מיט די ווילעדזש באאמטע, איבערצושמועסן געוויסע זארגן און איבערצוגיין געוויסע ענינים בנוגע א סוב-דיוויזיע אפליקאציע וועלכע איז געווארן אריינגעגעבן פאר לארק דרייוו וואס געפינט אויפן בארג.



עס איז געווען אן אמת'ע קידוש השם צו זען, וויאזוי די איינוואוינער מיט דער ווילעדזש זענען געזיצן פאר שטונדן, צו דיסקוסירן די אלע ענינים מיט א טיפקייט, ווי שיין מען איז זיך אויסגעקומען מיט פארשטענדעניש און דער עולם איז אהיים מיט רואיגע געמיטער.

ותשועה ברוב יועץ! צו דער זעלבע צייט, ווילן מיר טאקע דערמאנען און מוטיגן דעם עולם איבער די "אפענע טיר פאליסי" פונעם ווילעדזש, אז סיי וועלכע צייט, איז די ווילעדזש טירן אייביג אפן צו הערן אייערע פראגעס, געדאנקען און קאמפלעינטס און זיך צו פארשטענדיגן בחפץ לב. דער ווילעדזש קוקט ווייטער ארויס אויף א געמיינזאמע צוזאמענארבעט מיטן ציבור, פונעם ציבור און פארן ציבור בעזהשי"ת.



# ווילעדזש ביי דער ארבעט, נאך שווערע רעגנס!

די ווילעדזש אגענטורן האבן געארבעט זונטאג פרשת דברים ארום די זייגער, אויפצושטאפן די וואסער-סיסטעמען, זיכער צו מאכן אז עס איז פארהאנען א שנעלע וואסער פלוס, אן קיינע בלאקירונגען, צו דער זיכערהייט פון די ווילעדזש איינוואוינער און אינפראסטרוקטור.

א ספעציעלער דאנק פאר'ן טשעירמאן פון די זאונינג באורד מו"ה יהושע ביטמאן ושתפו מו"ה אליעזר ווייס פון די בארימטע Bucket Excavating פירמע אינאיינעם מיט מו"ה מענדל רובין פון CTI Construction פארן אנפירן מיט די עמערזשענסי מענעדזשמענט אקטיוויטעטן פון די פריע פארטאגס שטונדן.

# מיליטערישע דריל רוטין העכער ווילעדזש הימלען



אין נאכפראגע פונעם בריימן ציבור איבער די העליקאפטערס וועלכע מען זעט פליען גאר נידריג העכער און ארום די ווילעדזש הימלען און די אומגעגנט, ספעציעל אין די צופרי שטונדן. ווילן מיר קלארשטעלן, אז דאס איז א רוטינע מיליטערישער דריל, פון די דערנעבנדיגע וועסט-פוינט מיליטערישע אקאדעמיע, וועלכע טוט פארקומען אין די איצטיגע טעג, און עס איז ערווארטעט אנצוגיין פאר די קומענדיגע צוויי וואכן.

אם השם לא ישמור עיר שווא שקד שומר!

---

# ווילעדזש גרייט זיך צום צווייטן פאזע פון מאונטען רד. קארנער רט. 208 טראפיק פארבעסערונג




דער ווילעדזש טוט אין די איצטערע טעג זיך גרייטן, אנצוהייבן די צווייטע פאזע פון די טראפיק פארבעסערונגען ביי מאונטען ראוד און רוט 208, ווי די בעאמטע זיצן מיט די ניו יארק טראפארטאציע דעפארטמענט און די אינזשענירן, אויסצוארבעטן דעם ענדגילטיגן מהלך, וויאזוי צו אויסשטעלן די ״פעסינג״ און ״טוירנינג״ ליניעס און איבערצוגיין אלע טעכנישע לאגיסטישע דעטאלן ארום די פראיעקט.

אין די פארגאנגענע וואכן, האט מען שוין ווירקליך געזען וויאזוי די אינזשענירן האבן דורכגעפירט זייערע לעצטע שטודיעס און טראפיק דאטא איבער די פארקער, צו העלפן פארבעסערן זייערע אינפארמאציע.

בעזר השם, ווי נאר די שטודיעס זענען פארטיג, וועט די ארבעט אריינגיין אין פולן שוואונג בשעה טובה ומצלחת!

# ORANGE COUNTY CLERK
# KELLY ESKEW

INVITES YOU TO THE

# ORANGE COUNTY MOBILE DMV UNIT

## TRANSACTIONS OFFERED

- ALL REGISTRATION TRANSACTIONS
- ALL LICENSE TRANSACTIONS INCLUDING REAL/ENHANCED
- ENFORCEMENT TRANSACTIONS




**FRIDAY, OCTOBER 27TH**

10:00-12

CLOSED 12-1

1-3:30

**VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE HALL**

811 RT 208

BLOOMING GROVE, NY 10914

# ווילעדזש און פאליציי פאלגן נאך טראפיק שטודיעס

דער ווילעדזש און צוזאמענארבעט מיט די פאליציי דעפארטמענט, האבן אין די לעצטיגע וואכן נאכפאלגט מיט שטודיעס אין די געגענטער ווי מען האט באקומען קאמפלעינטס איבער אויטאס וועלכע טוען רייזן העכער דעם ספיד לימיט, לייגנדיג דערביי בייגייער אין געפאר.




ווי מיר האפן, וועלן מיר ארויסלייגן אין די קומענדיגע וואכן אלע אפציעס פאר לעזונגען צום עולם, וואס מיר טוען רעקאמענדירן באזירט אויף אלע מיינונגען און געדאנקן וועלכע איז געווארן געהערט פונעם ציבור ביי די "פובליק הירינג" און ווי אויך מיט אן אונטערלאגע פון די אלע דאטא און שטודיעס וועלכע איז געווארן שטודירט מיט דער פאליציי דעפארטמענט.

מיט די אלע אינפארמאציע, וועט די ווילעדזש צוקומען צו אן ענדגילטיגע באשלוס, וועלכע אפציע איז די בעסטע צו אינפארסירן די טראפיק, אויף א פארנעם וואס זאל נישט באשטראפן די איינוואוינער, אבער וואס זאל אין די זעלבע צייט, אראפהאלטן די וואס טוען ספיד'ן, דורכ'ן האלטן פאראנטווארטליך בכל אופן, מיט געוויסע שטראפן, צו פארזיכערן די סעיפטי אויף די ווילעדזש גאסן.

# פאליציי זוכט אינפארמאציע איבער לעצטערע אינצידענטן

אין די פארגאנגענע וואכן, זענען אריינגעקומען מערערע קאמפלעינטס, ספעציעל אין די לעיק שאור געגנט, איבער א ווייס-קאלירטע אויטא וועלכע פארט ארום אויף די לאקאלע גאסן און טוט אנשרעקן איינוואוינער, ספעציעל פרויען און קינדער. לויט די קאמפלעינטס, טוט דער דרייווער פונעם אויטא ווארפן אביעקטן און טוט שרייען שעדליכע לאזונגען צו בייגייער.

די בלומינג גראוו פאליציי איז געווארן אינפארמירט איבער די פאל און אדאנק די אויפמערקזאמקייט פון פארזיכטיגע און וואכפולע איינוואוינער פון לעיק שאור, וועלכע האבן צייטליך באריכטעט די אלע אינצידענטן, האבן די פאליציי באוויזן אראפצוהאלטן דעם כוליגאן, דעם פארגאנגענעם מיטוואך ראה.

די פאליציי זוכט איצטערט מער אינפארמאציע איבער די אינצידענטן. אויב האט איר געהאט סיי וועלכע סארט פארבינדעטע ערפארונג, אדער אויב ח"ו איר זענט א קרבן פון סיי וועלכע סארט איבערפאל אין די צוקונפט, ביטע פארבינדט אייך מיט די פאליציי ווי אמשעלסטנס און מאכט א פאליציי-רעפארט, צוליב וואס די פאליציי וועט נישט נעמען שריט אן א רעפארט און בעזהשי"ת וועט מען אפהאלטן אזעלכע געשעענישן פון פאסירן.



# ווילעדזש אפדעיטס: הויכפונקטן פונעם מאנאטליכער פלענינג באורד זיצונג

דאנערשטאג פרשת דברים, איז פארגעקומען דער מאנאטליכער פלענינג באורד זיצונג, ווי עס זענען געווארן אויסגעשמועסט פארשידענע אפליקאציעס און סוב-דיוויזיעס, וועלכע זענען איצטערט אויף די אגענדע.

צווישן די פראיעקטן, זענען די פראספעקט גארדענס דעוועלאפמענט, די נייע בית חינוך אויף פראספעקט ראוד, וועלכע האט אריינגעגעבן נייע פארבעסערטע פלענער, ווי אויך נאך עטליכע קלענערע סוב-דיוויזיעס, וועלכע וועט בעזהשי"ת העלפן פארלייכטערן דעם דירות מאנגל, צו קענען בויען פרישע דירות אין בלומינג גראוו.



עס איז פלאנירט געווארן פרישע פובליק הירינגס פאר די קומענדיגע זיצונג, ווי אויך איז געווארן אויפגעברענגט די סוב דיוויזיע אויף 2 און 4 פענסילוועניע עוועניו, ווי דער באורד האט איינשטימיג אפגעשטימט דעם אפראוועל פאר דעם סוב-דיוויזיע.

# ווילעדזש זיצונג מיט ראולינג הילס קאנדאומיניאומס איבער לעצטיגע פארפלייצונגען

אין די לעצטיגע צייט איז ב"ה ארויפגעקומען א היימישע אינגערמאן, מאנשי שלומינו מו"ה מענדל אפענהיים ני"ו אויף דער באורד פון די "ראולינג הילס קאנדאומיניאומס", וואס טוט פארפיגן אויף אלע אפארטמענטס אויף טענעזשער ראוד, ווי עס איז פאראן 249 אפארטמענטס.

דאנערשטאג פרשת עקב, איז אויף די איניציאטיוו פון ר' מענדל פארגעקומען א זיצונג צווישן די ווילעדזש בעאמטע און די האוזינג באורד פון די "ראולינג הילס קאנדאומיניאומס", ווי עס איז געווארן אויסגעשמועסט פעולות וואס קען געטאן ווערן, זינט יעדע מאל עס פאלט שווערע רעגנס און פארפלייצונגען, האט עס א גאר שטארקע ווירקונג אויף די טענעזשער גאס.

עס איז ארויפגעברענגט געווארן עטליכע פארשלאגן, פון איבערצומאכן די סוער סיסטעמען אויף די ראוד, אויף א וועג וואס עס זאל נישט אפעקטירן די ארבעט ביי די פארק, וועלכע גייט געבויעט ווערן אין די נאנטע צוקונפט, ווי דער טייך לויפט אריבער.

ווי אויך איז געווארן אויסגעשמועסט ביים זיצונג מיט די ווילעדזש אינזשענירן, א געדאנק וועלכע דער ווילעדזש טוט שוין ארבעטן דערויף אין די לעצטערע צייט, נאך עטליכע פארפלייצונגען פונעם לעיק צוליב שמוץ און אפפאל וואס קומען צו פליסן פון אנדערע געגנטער און פארשטאפן צומאל די אפלויף קאנאלן פונעם לעיק, א מהלך פון נידריגער מאכן די הויכקייט פונעם וואסער שטאפל ביים לעיק, אז די וואסער זאל שטענדיג זיין נידריגער ווי עס איז געווענליך, דורכ'ן אראפגראבן צו דער גרונד פונעם לעיק כאטשיג צען פיס טיפער, אז אין פאל פון א שטורעם זאל דער לעיק נישט איבער רינען.

די פראיעקט איז א פארצווייגטע אינזשענירונג ארבעט, וועלכע וועט נעמען א ווייל פאר די אינזשענירן צו פלאנירן און מיר האפן בעזהשי"ת צו קומען צום ציבור מיט ווייטערע אפדעיטס, ווי אמשנעלסטנס.

# ווילעדזש אנדענק צערעמאניע פאר די 9/11 געפאלענע



די פארגאנגענע מאנטאג, ב׳ סליחות, איז פארגעקומען א באשיידענע אנדענק צערעמאניע ביים 11/9 מעמאריעל, פארענט פון ווילעדזש האל, ווי עס האט אויפגעטרעטן דער טאון קאונסילמאן מו״ה אלימלך שמשון שווארץ ני״ו מיט טרעפליכע ווערטער צו דער יארטאג.

עס איז געווען א קידוש השם, ספעציעל פאר די נישט אידישע שכנים זעענדיג ווי מען רעכנט זיך מיט די געפילן פון די געפאלענע און די פאמיליעס.

# ווילעדזש טוט איבערארבעטן דרעינידזש ליניעס ביי לעיק שאור און ראבין אינטערסעקשאן

אין די איצטיגע טעג, טוען די ווילעדזש קאנטראקטארס ארבעטן אויף דעם גאר וויכטיגן אינטערסעקשאן פון לעיק שאור דרייוו און ראבין לעין, נאך וואס די סוער קאנאלן און די קעטש-בעסינס ביים אינטערסעקאשן זענען אינגאנצן פארפוילט געווארן און צוגאנגען נאך יארן פון באנוצונג. פירנדיג אז די אפלויף ליניעס זאל נישט געהעריג אריבער פליסן, וועלכע האט פאראורזאכט פולע פארפלייצונגען און אומגעהויערע שאדנס פאר די ארומיגע איינוואוינער, אין די לעצטערע מאנאטן.

פאלגענד, טוט דער ווילעדזש איבער ארבעטן אלע קעטש-בעסינס און ווי אויך די אלע דרעינידזש ליניעס, וועלכע זענען שוין ראסטיג און אלט, ווי מען טוט זיי טוישן צו די לעצטיגע און מערסט פארגעשריטענע דרעינידזש ליניעס וועלכע זענען געמאכט פון די גאר שטארקע HDPE מאטעריאל, וואס וועט בעזהשי״ת האלטן די ליניעס פולקאם פונקציאנירדיג פאר לאנגע יארן, און צו העלפן אז די וואסער אפלויף זאל פליסן אומגעשטערט און די ארומיגע הייזער זאלן בלייבן טרוקן.



# ווילעדזש ארבעט אויף אלע פראנטן צו פארבעסערן די וואסער סיסטעמען

2022 Table of Detected Contaminants

| Contaminant | Violation Yes/No | Date of Sample | Level Detected (Avg/Max) (Range) | Unit Measurement | MCLG | Regulatory Limit (MCL, TT or AL) | Likely Source of Contamination |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| Barium | No | 08/10/20 09/15/20 | 0.016 0.150 | mg/l | 2 | MCL = 2 | Erosion of natural deposits. |
| Nickel | No | 08/10/20 | 3.5 | ug/l | N/A | N/A | Naturally occurring |
| Sodium (See Note 1) | No | 11/16/22 | 62 | mg/l | N/A | See Note 1 | Road Salt |
| Sulfate | No | 08/10/20 09/15/20 | 24 20 | mg/l | N/A | MCL = 250 | Naturally occurring |
| Iron (See Note 2) | YES | Palamar 08/10/2012/31/20 | 2,600 Range=(ND-.14) | Mg/l | N/A | MCL=300 | Naturally occurring |
| Manganese (See Note 2) | YES | Palamar 08/10/20-12/31/20 | 98 Range=(ND-98) | ug/l | N/A | MCL=300 | Naturally occurring |
| Copper (See Note 3) | No | 09/2020 | 0.24 Range=(0.03-0.48) | mg/l | 1.3 | AL = 1.3 | Corrosion of household plumbing systems |
| Lead (See Note 4) | No | 09/2020 | 1.6 Range=(ND-2.9) | ug/l | 0 | AL = 15 | Corrosion of household plumbing systems |
| Total Trihalomethanes (TTHMs - chloroform, bromodichloromethane, dibromochloromethane, and bromoform) | no | 8/9/22 | 5.1 | Ug/l | n/a | MCL=80 | By-product of drinking water chlorination needed to kill harmful organisms. TTHMs are formed when source water contains organic matter. |
| Perfluorooctanoic Acid (PFOA)6 | no | Quarterly | AVG 0.617 Range ND-1.69 | Ng/l | n/a | MCL=10 | Released into the environment from widespread use in commercial and industrial applications |

די ווילעדזש טוט האט אין די לעצטערע וואכן ארויסגעשיקט די יערליכע וואסער קוואליטעט באריכט, אלס א טייל פון די וואסער און סוער ביל, פאר די צווייטע קווארטל פונעם יאר. די וואסער קוואליטעט באריכט טוט צייגן די צאל מינעראלן און אנדערע באשטאנדטיילן וואס ווערן געפינען אין די וואסערן נאך די מאנאטליכע טעסטינג. ווי עס איז באקאנט ביי די איינוואוינער און ווי די באריכטן טוען טאקע צייגן, טוט די וואסערן אין די געגנט אינהאלטן אסאך פון די אייראן און מאנגאניזיום מינעראלן. די ווילעדזש טוט אריין לייגן שווערע ארבעט, צו אויפקומען מיט פלענער פון באהעפטן פרישע קוועלער צום וואסער סיסטעם, וואס וועט מינימיזירן דעם אפעקט. אין די זעלבע צייט, טוט די ווילעדזש ארבעטן מיט די סטעיט, איבערצוארבעטן די איצטיגע קוועלער, דורכ'ן צולייגן בעסערע פילטערס און דורכ'ן אויפגראבן מער קוועלער, מיט די ארום פינף מיליאן דאללער גרענט, וואס די סטעיט האט געשאנקן די פארגאנגענע יאר, פאר די פאלגענדע צוועק.

די ווילעדזש ארבעט אויף אלע פראנטן: צו פארמערן די קוואנטומען פון וואסער און צו פארבעסערן די קוואליטעט פון די וואסער אין די געגנט.

בצדקם חון חשרת מים.

# פלענער פאר א סיניאר-צענטער פראיעקט אריינגעגעבן צום ווילעדזש דורך טאון אוו פאלם טרי




די ווילעדזש באאמטע טוען אין די איצטערע טעג איבערקוקן דעם סייט פלען מיט די ווילעדזש אינזשענירן, פארן אויפבוי פון א נייעם סיניאר-צענטער אויף רוט. 208, ביים ווינקל פון מאונטען ראוד. די פראיעקט, איז געפלאנט געבויעט צו ווערן אויף פראפערטי וועלכע געפינט זיך דאהי אין בלומינג גראוו און באלאנגט צום טאון אוו פאלם טרי. דער סייט פלען שטעלט פאר א געביידע פון ארום 12 טויזנט סקווער-פיס פער שטאק, אויף דריי שטאקן, ווי אויך 130 פארקינג ערטער פאר באזוכער און שטאב, אויסגעשפרייט אויף 3.4 אקער-לאנד און צוויי זעלבסשטענדיגע קוועלער און א סעפטיק סיסטעם פאר אפלויף.

# פובליק הירינג איבער ״אינקארפארעישן״ פון חברה מצילי אש בלומינג גראוו

דעם פארגאנגענעם מאנטאג פרשת ראה, איז פארגעקומעם דעם מאנאטליכן ווילעדזש באורד זיצונג, ווי עס איז געווארן אויסגעשמועסט ווייטער'דיגע שטאפלען און טעכנישע איינצעלהייטן, בנוגע דעם גרינדונג פון דער ווילעדזש און סאוט בלומינג גראוו פייער דעפארטמענט, די חברה מצילי אש.

עס איז פארגעקומען א פובליק הירינג צו אפשטימען און באשטעטיגן די אינקארפערירונג, און צו נעמען די קומעדיגע שריט פון אויטאריזירן די ווילעדזש באורד, צו איינפעדעמען און אנידערשטעלן די געזעצן און שטאטוטן (ביי-לאוס), וויאזוי די פייער דעפארטמענט זאל זיך פירן.

ביים הירינג, האט זיך אנגעזען א גרויסע באטייליגונג פון פייער וואלונטירן פון סאוט בלומינג גראוו און פון ארומיגע געגענטער, א שטייגער ווי טשעסטער, סעליסבורי-מילס און נאך. עס האט נישט געקענט זיין מער קלארער און אראפגעשטעלט דעם קאנטראסט, פון די באנעמונג פון די לאקאלע פייער דעפארטמענט און פון די דערנעבנדיגע שכנים וועלכע האבן אנטייל גענומען ביים זיצונג, צו צייגן שטיצע און חיזוק, אויסצודרוקן זייער צופרידענהייט, איבער דעם עפענונג פונעם נייע פייער דעפארטמענט, וועלכע וועט בעזהשי״ת האבן גוטע עמוירדזשענסי פראטאקאלן און פראצעדורן און איבערהויפט א שנעלע ריספאנס.

ווי אויך איז געווארן שיין אויפגענומען ביי די באטייליגטע און האט געמאכט א שטארקע קידוש השם, צו הערן אז דער פייער דעפארמענט וועט זיין אן אקטיווער מיטגליד אין דעם מיוטשעל-עיד סיסטעם אין צייט פון נויט, סיי אין טאון און בלומינג גראוו און ווי אויך אין די ארומיגע געגנטער, וואס דערווייל קענען זיי נישט געניסן דערפון, צוליב די שוואכע ריספאנס פון דער איצטיגער דעפארטמענט.

מיר וועלן בעזהשי״ת האלטן דעם עולם אינפארמירט, מיט ווייטערע נייעס און אפדעיטס.

# ווילעדזש באאמטע און פאליציי גייען איבער זיכערהייט מאסנאמען לקראת ימי החג

די פארגאנגענע דינסטאג, האזינו א׳ איז פארגעקומען אן ערב יום טוב זיצונג מיט די בלומינג גראוו פאליציי, ווי מען האט אויסגעשמועסט די בעפארשטייענדע זיכערהייט מאסנאמען לקראת ימי החג הבאים לקראתינו לשלום.

ביים זיצונג איז געווארן אויסגעשמועסט מיט די פאליציי באאמטע איבער צולייגן מער פאטראלס אין די אידישע געגנטער דורכאויס דעם יו״ט. ווי אויך, איז געווארן אויסגעשמועסט די יערליכע פלאגעניש מיט די שכנים, איבער שמחות בית השואבה פייערונגען, ווי די פאליציי ווערט גערופן און טוט אפט ערשיינען צו פארלאנגען דאס אפשטעל פון די הויכע מוזיק און טענץ אין די נאכט שטונדן.

די ווילעדזש און פאליציי האבן איינגעשטימט, צו געבן א ספעציעלע ״לייוו-מוזיק״ פערמיט דורכאויס דעם יום טוב סוכות פאר אלע בתי מדרשים אין בלומינג גראוו, וועלכע וועט ערלויבן דעם עולם צו פראוועגען שמחות בית השואבה מיט שמחה אן קיין שטערונגען.

חג שמח ושמחת תמיד!

# ווילעדזש ענדיגט מעריוואלד לעין נארט פעיוומענט, בעפאר יום טוב

ערב ראש השנה, האבן די ווילעדזש קאנטראקטערס געפארטיגט די פעיווינג ארבעט אויף מעריוואלד לעין נאורט, צו די צופרידנהייט פון די איינוואוינער, ברענגענדיג א נייע עפאכע צו די ראוד און די געגנט, וועלכע איז געווען אין א גאר שווערע צושטאנד אין די לעצטערע צייט.

דער נעקסטער שטאפל וועט זיין דרעינידזש און סיידוואלקס, ווי נאר עס וועט פארזיכערט ווערן די פאנדינג דערפאר.

מיר וועלן ווי שטענדיג האלטן דעם עולם אינפארמירט מיט די אנטוויקלונגען.





# בלומינג גראוו ווילעדזש פירער בַאטייליגן זיך ביי ראש השנה צערעמאניע מיט גָאווערנָאר האקול אין מאנהעטען

פארגאנגענעם דינסטאג האזינו א׳ איז אָפּגעראָכטן געוואָרן אין ניו יארק סיטי אַן אייגנאַרטיגע ראש השנה צערעמאניע, אַראַנדזשירט און פאַררופן דורך די גאָווערנאָר פון ניו יאָרק סטעיט יר״ה, וועלכע האָט אָפּגעהאַלטן דעם אָוונט מיט דער באַטייליגונג פון אַ געקליבענע צאל אידישע עסקנים און כלל טוער וועלכע זענען פּערזענליך געלאַדנט געוואָרן דורך די גאָווערנאָר שטאַב צו אָפּצייכענען דעם אידישן יום טוב

ביי דער אָוונט איז געווען קענטיג די אָנוועזנהייט פון אַ צאָל אישי הציבור וועלכע שטייען אין שפּיץ פון היימישע קהלות און מוניציפּאַליטעטן אין גרעיטאָר ניו יאָרק. צווישן זיי האָט די גאָווערנאָר אויך איינגעלאַדנט די עסקני וראשי עירינו בלומינג גראוו, מיט וועמען די גאָווערנאָר האַלט ב״ה אן אַ נאָנטע צוזאַמענאַרבעט, זינט ווען עס האט זיך געהאנדלט איבער אפשרייען די ״פּרעזערוועישאן טעקס ביל״ וועלכע איז געצילט געווארן צו באגרעניצן די אנוועזנהייט פון היימישע אידן דאָ אין טאַון און בלומינג גראוו

ווי עס געדענקט זיך האָט די גאָווערנאָר דעמאלט הילכיג וועטאָאירט דעם ביל און דערמיט דערלאנגט א טויט קלאפּ פאר די שענדליכע געזעץ פאָרשלאַג. זייט דעמאלט איז פארשטארקערט געווארן דער קשר צווישן די ראשי העיר און דעם גאָווערנאָר מיט שטאַרקע פּאָזיטיווע באַציאונגען, וואָס איז אַצינד נאָכאַמאָל געקומען צום אויסדרוק ביי דעם אָוונט

גאָווערנאָר האוקול יר״ה איז געווארן אויפגערופן מיט טרעפליכע ווערטער דורך הרבני ר׳ ישראל משה שפיצער הי״ו - מעיאר פון ניו סקווער, און האָט ביי דעם פייערונג אויפגעטרעטן מיט אַ רעדע, אין וועלכע זי האט זיך זייער באדאנקט פאר די אלע עסקנים און געמיינדעס וועלכע זענען האַלטן אן אַזאַ נאָנטע צוזאַמאַרבעט מיט איר אַדמיניסטראַציע, זי האָט פאַרשפּראָכן צו שטיין צו דער רעכטער זייט פונעם היימישן ציבור אין ניו יאָרק אין ניו יאָרק אָנצייגנדיג אויף איר רעקאָרד פון שטיצע פאר די אידישע געמיינדע אין דער פאַרגאַנגענהייט.

די גאָווערנאָר האָט באַהויפּטעט אַז איר אַדמיניסטראַציע אַרבעט אַצינד אויף גרעסערע פינאַנציעלע פאנדינג צו באקעמפען דאס וואוקס אין האס פארברעכענס און אנטיסעמיטישע אטאקעס וועלכע איז שטארק ארויפגעגאנגען אין די לעצטע תקופה אין ניו יארק סטעיט, און ווי איר שטאב איז אויך לעצטנס געשטאנען אין פארבינדונג מיט די לאקאלע עסקנים נאך דעם העסליכן אינצידענט אויף בארנס ראוד.

נאָכדעם האָבן די אָנוועזנדע אישי הציבור געהאַט די געלעגנהייט צו רעדן פּריוואַט מיט׳ן גאָווערנאָר איבער די אַקטועלע טעמעס וועלכע אַפּעקטירן אונזערע געמיינדעס.

### בשורה טובה ומשמחת

# די ניי פראכטפולע געבויעטע 'סטאונגעיט סענטער' גרייט זיך שוין בס"ד צו עפענען אירע טויערן אין חודש כסליו הבעל"ט

## ערשטע ריטעיל / אפיס בילדונג געבויעט אין ווילעזש אוו סאוט בלומינג גראוו



מיט געפילן פון פרייד און עקסטאז נעמט דאס יהדות החרדית פון תושבי בלומינג גראוו והגלילות אויף די בשורה טובה אז די בארימטע פראכטפולע 'סטאונגעיט סענטער' וועלכע ווערט אין די טעג הערליך פארענדיגט, גרייט זיך בעז"ה צו עפענען אירע ברייטע טויערן דעם קומענדיגן חודש כסליו הבעל"ט.

די נייע בנין מפואר איז סטאנציאנירט אין די ווילעדזש אוו סאוט בלומינג גראוו, און געפונט זיך הארט נעבן עקזיט 031 פונעם ניו יארק רוט 71, ביים ווינקעל פון ראוט 802 און סטאונגעיט דרייוו, די 'סטאונגעיט סענטער' איז נאנט צו נאך פול סטראטעגישע ווענד פונקטן, מאכנדיג גרינג און באקוועם פאר יעדן דארט אנצוקומען לייכטערהייט. ווי אויך פארן די געוועגליכע באסעס פון אלע געגענטער כסדר דורך דעם פראכטפולן 'סטאונגעיט סענטער'.

די נייע 'סטאונגעיט סענטער' בילדונג איז דיזיינט געווארן מיט גאר אסאך קאפ און מחשבה אז ס'זאל ברענגען


ביטע טעקסט צו:
845.782.2600
אייער סעל נומער

זייט אינפארמירט!
זיך אויפצוסיינען צו באקומען די ווילעזש טעקסט און טעלעפאן אלערטס און אפדעיטס

די מערסטע הרחבת הדעת און רוהיגקייט פאר די צופרידענע קאסטומער'ס, און איז געביועט געווארן ספעציעל פאר העכערע קלאס אפיסעס, מיט אסאך הויעכע שיינע פענסטערס ארום דעם בנין פון אלע זייטן, רחבות'דיגע אויגפארכעפנדע לאבי ספעיס, ברייטע סטעפס, צוויי באקוועמע עלעוועיטערס, לופטיגע שטובער, גאר סאפיסטיקירטע עירקאנדישן סיסטעמס, און נאך פול אפגרעידס ווי איר וועט זיך אליין איבערצייגן אי"ה.





עס איז צוגעשטעלט געווארן גאר א גרויסע פארקינג לאט ארום דעם 'סטאונגעיט סענטער', ספעציעל אויסגערעכנט ס'זאל זיין גענוג און נאך פארקינג פלעצער פאר אלע אפיס ארבעטער, מיט א באזונדערע אריינגאנג און באזונדערע ארויסגאנג, כדי די טראפיק פלוס זאל זיך נישט אפשטעלן אין אזא פארנומענע אינטערסעקשאן.

ווי אויך וועט די בארימטע 'לאנדא'ס סופערמארקעט' פארנעמען זייער פלאץ מיט אלע זייערע באקאנטע גאר געשמאקע סערוויסעס און עפענען א גראסערי אויפ'ן גאנצן אונטערשטען שטאק פונעם 'סטאונגעיט סענטער'. עס איז געפלאנט זיך שוין צו עפענען בעז"ה אויף חודש כסליו הבעל"ט, וואס איז איבריג צו זאגן אז א ארבעטס פלאץ מיט א גראסערי דערנעבן איז גוט פאר יעדעם, און די גאנצע געגענט קוקט ארויס אויף דעם עפענונג פונעם בארימטן גראסערי. מער דעטאלן וועלן אי"ה נאכפאלגן בקרוב הימים.

אויף די 3 העכערע שטאקן פונעם בנין וועלן פלאצירט ווערן גאר פראפעסיענעלע ביזנעסעס וועלכע וועלן זיך איינקוואטירן און אוועקשטעלן זייער קווארטיר אינעם 'סטאונגעיט סענטער', לויט ווי זיי וועלן מעלדן בקרוב.

## די צווייטע שטאק ווערט צוטיילט ווערן אין צוויי, ווי פאלגענד:

די רעכטע זייט איז געווידמעט פאר קליינע אפיסעס פאר פריוואטע מענטשען וואס ארבעטן אליינס און ווילן האבן א שיינע רוהיגע אפיס, ווי עס איז דא א אפציע פון עטליכע סייזעס פאר די אפיס.

די לינקע זייט איז געווידמעט פאר גרעסערע אפיסעס פאר קלענערע ביזנעסער.

די דריטע שטאק איז געווידמעט פאר ביזנעסער וואס קענען ניצן א גרעסערע שטח צו קענען סערווירן זייערע קליענטן מיט הרחבת הדעת.

די פערטע שטאק אינעם בנין איז געווידמעט פאר גרעסערע ביזנעסער וואס ווילן זיך אויסברייטערן און פארגרעסערן, ווי אויף דעם שטאק וועלן זיי באקומען שיינע גרויסע אפיסעס מיט אלע באקוועמליכקייטן און פילע אפגרעידס.

עס איז גאר פריידיגע נייעס צום נייעם יאהר, ווען מ'זעהט ווי דאס ערליכע יהדות החרדית דאהי אין שטאט וואקסט און בליהט, און פארשפרייט זיך לארכה ולרחבה, און ספעציעל איז באגריסענד אז אידן זאלן קענען האבן פרנסה בהרחבה נעבן די אייגענע טיר, און נישט דארפן ארויספארן אין די ווייטערע געגענטער בטירחא דגופא וממונא.

עס בלייבט איבער צו וואונטשן אז ס'זאל זיין מיט אסאך הצלחה וברכה וסייעתא דשמיא.

**ורוח הקודש אומרת:**
**כן ירבה וכן יפרוץ!!!**

# צייטליכע אנווייזונגען און וויכטיגע "סעיפטי" מעסעזשעס

**אין די יעצטיגע ערב יו"ט**

איבערגעגעבן פאר דער "בלומינג גראוו באריכט" דורך

הרה"ח מו"ה **יצחק בערנאטה** הי"ן

**פאלגענד זענען אייניגע וויכטיגע אנווייזונגען, מיט גאר נויטיגע זיכערהייט און סעיפטי כללים פאר דער אידישער שטוב אין די טעג פון יום טוב סוכות, וואס איז זייער וויכטיג צו אויספאלגן און נעמען אין קענטעניס, כדי צו פארזיכערן אז מיר אלע האבן בעז"ה א ליכטיגן געזונטן און פריילעכן יום טוב.**

## "סמאוק אלארמס" און "קארבען מענאקסייד" דידעקטאר

אין א צייט ווי ערב יום טוב, ווען מען קאכט אזויפיל פאר די סעודות החג, איז ספעציעל וויכטיג צו זיכער מאכן אז אלע "סמאוק אלארמס" און "קארבען מענאקסייד" דידעקטארס ארבעטן ווי געהעריג, און האבן גוטע בעטעריס וואס קען אסאך מאל זיין לעבנס רעטער פשוטו כמשמעו.

דאס איז אבער ספעציעל נוגע אין די יום טוב טעג, ווען מען זיצט אין דער סוכה, אינדרויסן פון שטוב, און ס'איז דעריבער קריטיש וויכטיג צו האבן פונקציאנירנדע "סמאוק אלארמס" אז אויב עס מאכט זיך עפעס חלילה אין שטוב זאל מען קענען הערן און טון צו דער זאך.

באזונדער איז זייער ראטזאם, צו אריינלייגן א "סמאוק אלארם" מיט א גוטן בעטערי אין דער סוכה.

מען דארף נעמען אין קענטעניס אז די סוכה איז דאך געבויעט פון האלץ, און דאס זעלבע כמעט אלעס וואס ליגט אין דער סוכה, ווי סחורה'ס, פאפירענע נוי סוכה, א.א.וו. דאס זענען אלעס זאכן וועלכע כאפן זיך שנעל אן אפילו פון א קליינעם פלאם ח"ו. דעריבער איז שטארק רעקאמענדירט צו האבן א "סמאוק אלארם" אין דער סוכה, אזוי ארום אז אפילו ווען מען שלאפט ביינאכט און עפעס פאסירט זאל מען זיך באלד קענען אויפוועקן צו פארמיידן שאדנס.

## עלעקטעראנישע נוי סוכה

אין מערערע שטובער איז איינגעפירט אז די קינדער מאכן בליעה"ר פארשידענע טאלאנטפולע נוי סוכה'ס, וואס מען פאבריצירט אליינס מיט שעפערישע פאטענטן, און דאס ארבעט מיט עלעקטעריק. איז זייער וויכטיג אז אן ערוואקסענער בעל אחריות זאל גוט איבערקוקן און באטראכטן דעם נוי סוכה, אז עס זאל זיין "סעיף" און פארזיכערט בעז"ה.

מען זאל אכט געבן אז די עלעקטעראנישע נוי סוכה'ס זענען גוט פארמאכט, און פארקלעפט מיט עלעקטעריק טעיפ. אזוי אויך זאל מען זיכער מאכן אז ס'איז שטארק אפגעטיילט און אוועקגעריקט דעם "פלאס" פון דעם "מיינוס", און אז אלע אנדערע איינצלהייטן איז געמאכט אויפ'ן ריכטיגן וועג, אז ס'זאל חלילה נישט קענען

פאסירן קיין פייער, און אז מען זאל זיך ח"ו נישט קענען כאפן קיין "שאק" פון אפענע עלעקטערישע ווייער'ס.

## ליכט אין דער סוכה

די חברה הצלה און די פייער דעפארטמענט רעקאמענדירן זייער שטארק אז מען זאל פרובירן אינגאנצן נישט צו אנצונדן קיין ליכט אין דער סוכה. ווען מען צינדט יא ליכט, זאל מען עס ווי אמשנעלסטן ארויסטראגן, אז עס זאל נישט בלייבן אן קיין אויפזיכט אין דער סוכה.

אין פאל וואס עס איז נישט מעגליך, ספעציעל ווען ס'איז שבת און מען קען נישט ארויסטראגן קיין ליכט, זאל מען זיין וואכזאם אז אן ערוואקסענער מענטש געפינט זיך אין דער סוכה די גאנצע צייט, און ער טרעט נישט ארויס פון דארט ווילאנג די ליכט ברענט.

מען האט שוין ליידער מיטגעהאלטן צופיל מעשיות ווען ס'האט פאסירט אסאך עגמת נפש פון פשוט'ע זאכן, ווי א נוי סוכה אדער א שטיקל סכך וואס איז ארויפגעפאלן אויף די ליכט, אדער א ווינטל וואס האט פארשפרייט דאס פלאם און אנגעצינדן די סוכה. מיר אלע ווילן האבן א רואיגן פריילעכן יום טוב, און דעריבער זאל מען זיכער מאכן אז אויב מען צינדט יא ליכט אין דער סוכה, זאל מען זיצן דארט די גאנצע צייט, ביז ווילאנג די ליכט ברענען אויס.

## עקסטענטשן ווייערס

ווען מען ציעט "עקסטענטשאן ווייערס" צו דער סוכה, זאל מען נוצן

נאר די דיקע עקסטענשן ווייערס, נישט די דינע, וואס איז געמאכט צו נוצן בלויז אין שטוב. ווען מען וויל נוצן עטליכע ווייערס זאל מען דאס ציען פון באזונדערע "פלאָגס". מען זאל נישט ציען אלע ווייערס פון איין שטעקער אין דער וואנט, נאר מען זאל ענדערש דאס צעטיילן צו צוויי אנדערע פלאגס, און נאך בעסער איז פון צוויי באזונדערע שטובער, אזוי ארום נישט צו אנשטרענגען דעם "פלאָגס", אז עס זאל חלילה נישט גורם זיין אומאנגענעמליכקייטן.

## היטער'ס אין דער סוכה

אויב מען וויל נוצן א "היטער" צו אנווארעמען די סוכה, איז דאס בעסטע דאס צו ציען פון די "עיר קאנדישאן" פלאג, וואס איז א שטארקע פלאג און דאס קען פארנעמען די עלעקטעריציטעט פון דעם היטער. מען זאל טאקע נאר לייגן אויף דעם פלאג בלויז די היטער, נישט די לעקטער, די נוי סוכה אדער די אנדערע זאכן פון דער סוכה. פאר די אנדערע עלעקטערישע געברויכן זאל מען נוצן אן אנדערן פלאג.

ווען מען שטעלט אוועק די "היטער" אין דער סוכה זאל מען זיכער מאכן אז עס ליגט אויף א פארזיכערטן פלאץ. נישט נעבן האנטוכער, נישט נעבן בעקיטשעס אדער אנדערע קליידער און נישט נעבן דעם מאטראץ פונעם בעט. די היץ קען גורם זיין אז עס זאל זיך ח"ו אנצינדן פונעם "היטער". דעריבער זאל מען זיין געווארנט סיי וויאזוי מען פלאצט איין דעם היטער, און סיי וויאזוי מען לייגט עס, אז עס זאל נישט ליגן נעבן קיין שום סארט סחורה אדער אנדערע זאכן וואס קענען ווערן אנגעהייצט.

ס'איז א גוטער געדאנק, צו אנשטעלן דעם "היטער" אז עס זאל ארבעטן אויף א "שבת זייגער", דאס הייסט אז עס זאל זיך אנצינדן פארנאכט'ס און זיך אויסלעשן אינדערפרי, ווען מען ברויך עס נישט האבן. אזוי אז עס זאל נישט ארבעטן נאכאנאנד דורכאויס ביידע טעג יום טוב.

## אויב איר הערט עפעס, טוט צו דער זאך!

ווען איר געפינט זיך אין דער סוכה, און איר הערט אינמיטן די נאכט ווי עס פייפט א "סמאקינג אלארם" פון אן אנדערע סוכה, מען הערט עפעס, אז דו וועסט לייגן א סמאוק אלארם, דיין שכן וועט לייגן, און ח"ו אויף סאמטינג דו הערסט אינמיטן די נאכט ס'פייפט, זאלסטו דערפרענטלי זיך אויפוועקן און גיין אינוועסטיגעיטן און זען פארוואס ס'פייפט. די זעלבע זאך איז טאמער מען שמעקט חלילה סמאוק, ס'קען זיין ביים שכן האט זיך חלילה וחס אנגעצינדן און מען פארשטייט אליין אז די פייער לויפט פון איין סוכה צו די צווייטע סוכה זאל מען מאכן זיכער

אויף ענגליש איז באקאנט דער כלל "איף יו הערי סאמטינג, עקט!"... ווען מען הערט אז עס פייפט דארף מען טון צו דער זאך. ס'איז נישט קיין צייט פאר פוילקייט, מען מוז אריבערגיין זעהן וואס גייט פאר, דאס קען ממש ראטעווען אידישע נפשות!

## ריקודים של שמחה, אבער מיט אַ מאָס...

דא ביי אונז אין בלומינגראוו, וואו מען האט ב"ה רחבות'דיגע פארטשעס, ווערן מערסטנס סוכות טאקע געבויעט אויף די פארטשעס. דארף מען אבער אכט געבן נישט צו טאנצן צו שטארק און אויף נישט איבער לאדענען דעם פארטש מיט צופיל מענטשן.

מען פריידט זיך טאקע מיט'ן יום טוב און מיט "שמחת בית השואבה" אבער מען זאל געדענקען אז אסאך פון די פארטשעס זענען אלט און נישט אזוי שטארק צו טראגן א שווערע געוויכט. מיר האבן שוין געהאט פעלער ווען פארטשעס זענען געפאלן פון איבערגעפולטע סוכות אדער פון שפרינגען צו שטארק.

## לאזן אפן דעם ארויסגאנג פון שטוב

עס איז זייער וויכטיג צוצולייגן קאפ ווען מען בויעט די סוכה אז עס זאל פארבלייבן אייביג אפן א טיר "טו סקעיפ", צו קענען ארויסגיין פון שטוב דורך דעם פארטש טיר.

אזוי ארום אז אויב - השי"ת זאל היטן - עס מאכט זיך עפעס און מען דארף ארויסלויפן פון דער דירה, זאל אייביג זיין אן אפענע וועג ארויס צו אנטלויפן, און מען זאל ח"ו נישט ווערן געטערעפ"ט אין דער סוכה.

## "האַט פלעיט" אין די יום טוב טעג

אזוי ווי דאס יאר וועט בעז"ה זיין שבת, סיי די ערשטע טעג און סיי די צווייטע טעג, און ווי דער שטייגער באנוצט מען זיך אין אידישע הייזער מיט "האט פלעיטס" צו האלטן ווארעם די סעודות שבת ויום טוב, איז וויכטיג צו נעמען אין קענטעניס אז דאס איז נישט געאייגנט און איז נישט אויסגעשטעלט צו זיין אנגעצינדן אויף צוויי טאג נאכאנאנד. מען האט שוין ליידער מיטגעהאלטן שווערע שריפות אין אידישע געגנטער פון "האט פלעיטס" וועלכע זענען געווען אנצינדן פאר א לאנגע צייט.

מען זאל זיכער מאכן אז די "האט פלעיט" ארבעט מיט א "שבת זייגער" און אויסשטעלן אז דער "האט פלעיט" זאל זיך אויסלעשן דורכאויס אלע צייטן ווען מען דארף דאס נישט האבן אין באנוץ. צ.ב.ש. זאל זיך עס אויסלעשן שבת נאכמיטאג נאך די סעודה און זיך צוריק אנצינדן ביינאכט נאכ'ן זמן, כדי עס זאל נישט ארבעטן 48 שעות אן קיין אפשטעל.

דער "האט פלעיט" זאל מען לייגן אויף א פארזיכערטע פלאץ. נישט אויף קיין האלצערנע קאונטער א.ד.ג. און לייגן אונטער דעם זילבער פאפיר אז עס זאל זיך חלילה נישט אנכאפן די היץ.

**אין זכות פון אונזער זהירות זאלן מיר אלע זוכה זיין צו א ריכטיגע "זמן שמחתינו", ושמחת בחגך והיית אך שמח.**

# ווילעדזש אוו סאוט בלומינג גראוו פייער דעפארטמענט פולקאם אנערקענט דורך ניו יארק סטעיט

בעזרת השם יתברך, דינסטאג, ג' סליחות איז אפיציעל אינקארפארירט און אנערקענט געווארן די ווילעדזש אוו סאוט בלומינג גראוו פייער דעפארטמענט, דורך די ניו יארק דעפארטמענט אוו סטעיט, בשעה טובה ומצלחת!

די אינקארפערירונג גיבט דעם גרינע ליכט, זיך צו קענען ריקן צו די קומענדיגע טעכנישע שטאפלען, ווי די ווילעדזש באורד וועט זיך צוזאם זעצן אין די קומענדיגע וואכן, צו אויפנעמען די פייער טשיף'ס, אסיסטענט טשיף'ס, קאפיטאנען און לוטענאנט'ס, וואס וועלן פירן דעם טעגליכן ווערטשאפט פונעם דעפארטמענט.

ווי אויך, וועט מען אין די נאנטע טעג אנהייבן איבערגיין אלע וואלונטיר אפליקאציעס וועלכע זענען געווארן אריינגעשיקט צום ווילעדזש אין די פארגאנגענע מאנאטן, ווי די אפליקאנטן קענען ערווארטן א רוף אדער אן אימעיל פונעם דעפארטמענט, איבער די קומענדיגע שטאפלען פון אקצעפטירונג און דאן טרעינירונג.

אין די זעלבע צייט, טוט די ווילעדזש זיין אין פארבינדונג מיט די אראנדזש קאונטי פייער אגענטור, וועלכע טוט פארפיגן איבער אלע פייער דעפארטמענטס אינעם גאנצן קאונטי, צו באקומען אן אפיציעלע עמורדזשענסי נומער פאר די דעפארטמענט און ווי אויך צו אויסצוארבעטן די מיוטשעל-עיד פראטאקאלן, ווי די דעפארטמענט וועט קענען זיין אין קאנטאקט - צו באקומען הילף, און צו קומען צו הילף - מיט די ארומיגע פייער דעפארטמענטס פאר מיוטשעל-עיד, אין צייט פון נויט.

מיר וועלן ווי שטענדיג האלטן דעם עולם אינפארמירט, מיט די ווייטערע אנטוויקלונגען.

# ווילעדזש וואסער דעפט. - דינסטאג ברכה

אין די פארגאנגענע צוויי טעג, האט די ווילעדזש וואסער דעפארטמענט דורכגעפירט פארשידענע מעינטענענס ארבעט אויף איינס פון די ווילעדזש וואסער קוועלער, ווי עס איז ערווארטעט אין די נעקסטע פאר טאג אלס רעזולטאט א העכערע מאס "קלארין" אין די וואסערן, אין די טעם און ווי אויך אין די שמעק. די קלארין אפעקט קען זיין מערקבאר, ספעציעל אין די געגנטער פון פיין הילל, האוטאורן, סטראבערי און גרין ראוד.

די וואסער איז געטעסט געווארן און איז פארזיכערט פאר סיי וועלכע באנוץ.

# פייער דיסטריקט אפיעלט קעיס איבער אריינגאנג צום פייער הויז

די פארגאנגענע מיטוואך, האט די פייער דיסטריקט אריינגעגעבן אן אפיעל, נאך וואס זי האט פארלוירן די לעצטע זוממער א קאורט קעיס צו די ווילעדזש, איבער דאס באניצונג פון די אריינגאנג צום פייער הויז, וועלכע לויפט אצינד דורך ווילעדזש פראפערטי.

דער געריכט, האט דאן געאורטיילט אז די פייער דיסטריקט האט נישט קיין שום בעלות אויף די יעצטיגער אריינגאנג צום פייער הויז, און זייער לעגאלע בעלות איז נאר אויף די אריינגאנג וועלכע איז צווישן רעפיד קעיר מעדיקעל צענטער און די וואסער סטאנציע אויף לעיק שאור דרייוו און נישט דורך די ווילעדזש האל.

פאלגענד, האט די פייער דיסטריקט אריינגעשיקט די וואך אן אפיעל צום געריכט, צו ווידער אויסהערן זייערע טענות. די ווילעדזש פלאנט צו ענטפערן אין די קומענדיגע צוויי מאנאטן..

זארגט איך אז אייער חבר'ס שכן בויעט אומלעגאל?

האט איך א פראבלעם מיט א קאנטעינער אדער בוי געצייג אויפן ראוד?

האלט איך אז די קאוד ענפארסמענט ברויך ווערן אינפארסירט שטרענגער?

איך האָט אַ באַמערקונג איבער טראַנספּאָרטאַציע סקעדשועלס און טוישונגען?

איך האט פארשלאגן איבער געוויסע סערוויסעס וואס דער ווילעדזש זאל ווען צושטעלן?

ווילט איך סתם אזוי לאזן הערן אייער חוות דעת על דא ועל הא און זען פאקטישע רעזולטאטן למעשה?



# שיקט עס צום ריכטיגן אדרעסע!

# אויף וואטסעפפ אדער אייוועלט וועט עס נישט מסודר ווערן!

שפּירט באַקוועם צו
אָפּשטעלן אָדער אָנרופן
אייערע געטרייע
פּאַרטרעטער, די
ווילעדזש טראָסטיס

סטאפּט אַריין צום ווילעדזש
האָלל אויף: 811 Rt 208

שיקט אן אימעיל צו:
Social@vosbg.com

וואו יעדע קאָמפּלעינט און קאָמענטאַר ווערט ערנסט אַדרעסירט און
באַגלייט מיט אחריות און געטריישאַפט צו אייער פולע צופרידנהייט.




VOSBG
29 Merriewold Lane South
Blooming Grove, NY 10950